בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

לך תשפ"ב
גליון 63



**אַייֶרע קִינְדֶער זָאלְט איר מוֹדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

טַייעֶרע קִינְדֶערְלֶעךְ, אִין די פַּרְשִׁיּוֹת פוּן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית בִּיז פַּרְשַׁת בֹּא, פַארְצֵיילְט אוּנְז די תּוֹרָה, וְויאַזוֹי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווִיל גֶעבְּן פַאר די אִידִישֶׁע קִינְדֶער דָאס לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. גְלַייךְ אָנְהֵייבּ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית ווֶען די תּוֹרָה הֵייבְּט אָן בְּרֵאשִׁית בָּרָא, זָאגְט די הֵיילִיגֶע רַשִׁ"י אַז בֶּאֱמֶת וָואלְט די תּוֹרָה זִיךְ גֶעדַארְפְט אָנְהֵייבְּן מִיט די עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה וָואס די אִידְן זֶענֶען בַּאפוֹילְן גֶעווָארְן, "הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם" פוּן פַּרְשַׁת בֹּא, אִיבֶּער די מִצְוָה פוּן קִדּוּשׁ הַחֹדֶשׁ.

פַארְוָואס הֵייבְּט די תּוֹרָה אָן מִיט בְּרֵאשִׁית? כְּדֵי די גּוֹיִם זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן פַאר די אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּאלַאנְגְט פַאר זֵיי, דֶערְפַאר זָאגְט די תּוֹרָה 'בְּרֵאשִׁית' אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן די ווֶועלְט, אוּן עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעגֶעבְּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר די גּוֹיִם אוּן יֶעצְט ווִיל עֶר דָאס גֶעבְּן פַאר די אִידְן!

שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט די תּוֹרָה וְויאַזוֹי די הֵיילִיגֶע אָבוֹת זֶענֶען גֶעבּוֹירְן אוּן אַלֶע גֶעשֶׁעֶענִישְׁן אוּן מַעֲשִׂיּוֹת אַרוּם זֵיי, כְּדֵי צוּ מַאכְן אַן אוֹיסְגֶעטְרַאטֶענֶעם ווֶועג פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדֶער צַייט צוּ קֶענֶען קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

די גֶעווַאלְדִיגֶע זְכִיָּה פוּן זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אֲפִילוּ גֵיין דַארְטְן פִיר אַמּוֹת אִיז שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אִין הֵיילִיגֶע סְפָרִים. אִין גְּמָרָא, מִדְרָשִׁים, אוּן אִין די תּוֹרָה אַלֵיין אִיז פוּל מִיט דֶעם, בִּפְרָט אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס סְפָרִים רֶעדְט עֶר אַרוּם פוּן די מַעְלָה אוּן קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אַז די גַאנְצֶע קְדוּשָּׁה פוּן אַ אִידִישׁ קִינְד ווֶוענְדְט זִיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

מִיר זֶען אִין די פַּרְשָׁה וְויאַזוֹי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ, - וָואס עֶר אִיז גֶעווֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט מְגַלֶּה גֶעווֶוען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶער ווֶועלְט, הָאט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ אַנְטְפְּלֶעקְט די גְרוֹיסְקַייט פוּן קְדוּשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין די פַּרְשָׁה "לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ.. אֶל הָאָרֶץ.."




די תּוֹרָה פַארְצֵיילְט זַיין גַאנְצֶע נְסִיעָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז עֶר הָאט זִיךְ טַאקֶע בַּאזֶעצְט אִין דֶעם הֵיילִיגְן לַאנְד.

עֶס אִיז דָא אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'נְס תַּלְמִיד ר' יוּדְל, וָואס עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן: אַבְרָהָם אָבִינוּ'ס ווֶועג אִיז גֶעווֶוען אַז עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ מְקָרֵב זַיין דָאס אִינְגְווַארְג - די בְּנֵי הַנְּעוּרִים צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז דָאךְ בַּאווּאוּסְט אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַסַאךְ גֵּרִים.

עֶר פְלֶעגְט הָאבְּן אַזַא סָארְט ווֶועג, עֶר אִיז אַרַיין אִינְמִיטְן שְׁטָאט לוֹיפְנְדִיגֶערְהֵייט אוּן שְׁרַייעֶן, הוֹי הוֹי,

המשך אויף זייט 4

## ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ זי"ע חלק ג'

מִיר וֶועלְן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יֶעצְט פַּארְצֵיילְן אַבִּיסְל פוּן דִי קִינְדֶער יָארְן פוּן ר' שְׁמוּאֵל הָארָאוִויץ זצ"ל, מִיר גֶעבְּן אִיבֶּער זַיין לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע וְויאַזוֹי ר' שְׁמוּאֵל שְׁרַייבְּט דָאס אַרוֹיס פוּן זַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע הַארְץ אִינֶעם סֵפֶר יְמֵי שְׁמוּאֵל.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ קִינְד מָלֵא חֵן אִין אַלֶעמֶענְס אוֹיגְן. דֶער זֵיידֶע ר' אַבְרָהָם אַ זוּן פוּן ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר זַצַ"ל פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר מְשַׁעֲשֵׁעַ זַיין מִיט מִיר. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען ל"ג בָּעֹמֶר הָאט מֶען מִיר גֶעטְרָאגְן קַיין מִירוֹן אוּן דָארְט חַאלַאקֶעט. ר' שְׁמוּאֵל פַארְצֵיילְט אַז אִין יֶענֶע יָארְן הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען צוּם הִלּוּלָא פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן אוּן הוּנְדֶערְטֶער קִינְדֶער.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ מִיט מִיר זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט וַוייל אִיךְ פְלֶעג לֵיידְן אוֹיף דִי מָאזְלֶען קְרֶענְק, וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעוֶוען גָאר יוּנְג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען גָאר קְרַאנְק אוּן מְסֻכָּן אִיךְ הָאבּ דַאן גֶעלִיטְן אוֹיפְן מָאגְן, מַיין טַאטֶע הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פַאר מַיין גֶעזוּנְט, עֶר הָאט זִיךְ מִתְעוֹרֵר גֶעוֶוען לִתְשׁוּבָה אוּן גֶעמַאכְט נְדָרִים פַאר מַיין גַאנְצֶע רְפוּאָה, אֵיינֶע פוּן דִי נְדָרִים וָואס עֶר הָאט נוֹדֵר גֶעוֶוען אִיז, אַז עֶר וֶועט נִישְׁט מַפְסִיק זַיין אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין! עֶר הָאט גֶעלֵייגְט פַּארְנְט פוּן זִיךְ אַ צֶעטְל, "אִיךְ בֶּעט אַייךְ שְׁטֶערְט מִיךְ נִישְׁט פוּן לֶערְנֶען", דֶעם צֶעטְל הָאט עֶר גֶעוִויזְן פַאר וֶוער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען רֶעדְן צוּ אִים אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט מִיט דִי הַנְהָגָה בִּיז מִיט'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת בִּין אִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן פוּנֶעם קְרֶענְק.

אִיךְ בִּין אַרַיין אִין חֵדֶר לֶערְנֶען, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גוּט אוֹיפְגֶעכַאפְּט דָאס לֶערְנֶען, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר בַּאשָׁאנְקֶען מִיט אַ גוּטְן קָאפּ. וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען חֻמָּשׁ, פְלֶעג אִיךְ אַסַאךְ אִיבֶּערְלֶערְנֶען אִינֶדֶערְהֵיים דֶעם חֻמָּשׁ, אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְטְס גֶעלִיטְן אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן, אִיז פַאר מַיין טַאטְן נִישְׁט גֶעפָאלְן אַז אִיךְ שְׁטְרֶענְג זִיךְ אִיבֶּער מִיט'ן לֶערְנֶען, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן מַיין מְלַמֵּד זָאל מִיר אוֹיפְמֶערְקְן אוֹיף דֶעם.



די קבר פון ר' ישראל קרדונר

וֶוען אִיךְ בִּין עֶלְטֶער גֶעוָוארְן בִּין אִיךְ אַרַיין לֶערְנֶען בַּיי אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז גְרַאדֶע גֶעוֶוען אַ קָרוֹב צוּ אוּנְז, גָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ אִישׁ צַדִּיק וְתָמִים, רֶבִּי נֹחַ שְׁלֹמֹה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַעֲלוֹת אוּן מִדּוֹת, טְרָאצְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן, פְלֶעגְט בַּיי זַיין טִישׁ שְׁטֶענְדִיג עֶסְן אָרִימֶע מֶענְטְשְׁן, בַּאגְלֵייט מִיט זַיינֶע צְדָקוֹת אוּן מִצְוֹת וָואס עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג טוּן. עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, אוּן זַיין דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען מִיט רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים צוּם בַּאשֶׁעפֶער. עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אוּנְז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן גֶעהַאט גָאר אַ גְרוֹיסְן לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תַּלְמִידִים אוּן צוּ מִיר.

אוֹיף דִי צְוֵויי זַאכְן הָאט עֶר מִיר זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט: "אִיךְ זָאל זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט, זִיךְ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער גְלַייךְ נָאכְן אוֹיפְשְׁטֵיין, אוּן הָאבְּן אַ קַאפֶּעלֶע אוֹיפְן קָאפּ אֲפִילוּ בַּיים שְׁלָאפְן". עֶר פְלֶעגְט אוּנְז דֶערְצֵיילְן אַז דֶער צֶמַח צֶדֶק זַצַ"ל

פְלֶעגְט אַלֶעמָאל דַאנְקֶן זַיין מַאמֶע אַז זִי הָאט אוֹיפְגֶעפַּאסְט עֶר זָאל קַיינְמָאל נִישְׁט גֵיין מִיט אַן אוֹיפְגֶעדֶעקְטְן קָאפּ אָן אַ קַאפְּל, אוּן אַז זִי פְלֶעגְט אִים וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער פוּן גָאר אִינְגְן עֶלְטֶער, וָואס דָאס הָאט אִים אַרַיינְגֶעגֶעבְּן אַ יִרְאַת שָׁמַיִם, וַוייל דִי זַאכְן זֶענֶען מְקַדֵּשׁ דָאס קִינְד פוּן קְלֵיינְוֵוייז אָן.

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַרְדוּנֶער (הֵיילְפְּרִין) זַ"ל - זַיין יָארְצַייט פַּאלְט אוֹיס ט' חֶשְׁוָן, פְלֶעגְט אַרַיינְקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ - וואוּ אוּנְז קִינְדֶער פְלֶעגְן לֶערְנֶען, אָנְגְרֵייטְן דִי לֶעכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען אִים צוּ זֶען. שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בַּיים מְלַמֵּד רֶבִּי דוֹב פוּן וַוארְשֶׁע זַצַ"ל, הָאט עֶר גֶעהַאט פִינְף בֶּענְדֶער חֹק לְיִשְׂרָאֵל, צוּם סוֹף פוּן דִי בֶּענְדֶער אִיז גֶעוֶוען אַייְנְגֶעבִּינְדְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִין פָארְנְט בַּיי דִי הַקְדָמָה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אִידִישׁ דֶער צוּזָאג פוּנֶעם רֶבִּי'ן "אִיךְ וֶועל מִיךְ לֵייגֶען אִין דֶער לֶענְג אוּן אִין דֶער בְּרֵייט אִיךְ זָאל אִים אַ טוֹבָה טוּן, בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּיוֹת" מִיר קִינְדֶער פְלֶעגְן דָאס לֵיינֶען, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָאס מֵיינְט, אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוּוִיסְט אוֹיבּ סְ'אִיז נָאךְ פַארְהַאן אַזַא חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב, הַיינְט דֶערמַאן אִיךְ זִיךְ צוּרִיק וִוי אַזוֹי אִיךְ דָאס דֶעמָאלְט גֶעלֵיינְט.

בַּיי מִיר אִין כִּתָּה הָאט גְרַאדֶע גֶעלֶערְנְט אַן אִינְגֶעל וָואס זַיין זֵיידֶע אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד הַנָּגִיד רֶבִּי נָתָן פוּן טְרָאוִויצֶא זַ"ל, דֶער אִינְגְל פְלֶעגְט בְּרֶענְגֶען אִין חֵדֶר דֶעם סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס. מַיין רֶבִּי רֶבִּי נֹחַ שְׁלֹמֹה הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים, עֶר פְלֶעגְט מוּסַר זָאגְן פַאר דֶעם בְּרֶסְלֶבֶע אִינְגְל: "זֶע צוּ זַיין אַ אִינְגְל אַ יִרְאַת שָׁמַיִם, דַיין זֵיידֶע רֶבִּי נָתָן גֵייט דָאךְ יֶעדְן טָאג אוֹיפְן צִיּוּן פוּנֶעם אֲרִ"י זַ"ל אוּן אִיז מִתְפַּלֵּל דוּ זָאלְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִינְגְל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. וֶוען דֶער ר' נָתָן אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶערִיסְן קְרִיעָה אוּן גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה דַיָּן הָאֱמֶת מִיטְ'ן שֵׁם וּמַלְכוּת.

אֵיינְמָאל וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען נָאךְ גָאר אַ יוּנְג קִינְד, בִּין אִיךְ אַהֵיימְגֶעקוּמֶען מִיט אַ הִיסְטֶערְיֶע וֵויינֶענְדִיג אָן אוֹיפְהֶער, מַיין טַאטֶע פְרֶעגְט מִיר: "שְׁמוּאֵל פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?! עֶפֶּעס פֶעלְט דִיר? דַיין רֶבִּי הָאט דִיךְ גֶעשְׁלָאגְן? אָבֶּער פוּן גְרוֹיס צַעַר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אִים עֶנְטְפֶערְן! אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ עֶר הָאט מִיר גֶעשְׁלָאגְן? "חַס וְשָׁלוֹם" הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעעֶנְפֶערְט: בֵּיידֶע דֶער מְלַמֵּד מִיט מַיין טַאטֶע הָאבְּן עֶנְדְלִיךְ גֶעפּוֹעֶלְ'ט אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל זֵיי גֶעבְּן אַן עֶנְטְפֶער, הָאבּ אִיךְ זֵיי עֶנְדְלִיךְ פַארְצֵיילְט דִי סִבָּה פוּן מַיין גֶעוֵויין אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "וִויאַזוֹי קֶען זַיין אַז מֶען הָאט פַארְקוֹיפְט יוֹסֵף הַצַּדִּיק פַאר דִי אַרַאבֶּער אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע יִסּוּרִים? (יֶענֶעם טָאג הָאט מֶען גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר פוּן מְכִירַת יוֹסֵף).

מַיין טַאטֶע הָאט מִיר זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דָאס הָאט גֶעמוּזְט גֶעשֶׁען, כְּדֵי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן אַרָאפְּגֵיין אִין מִצְרַיִם, אוּן מִיר זָאלְן קֶענֶען בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה אוּן אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ גֶעדֶענְק אֵיין יָאר וֶוען אִיךְ נָאךְ גֶעוֶוען אַ גָאר יוּנְג קִינְד, אִיךְ בִּין אוֹיף גֶעוֶוען דִי נַאכְט פוּן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַלֶע דֶערְוַואקְסֶענֶע אִידְן מִשְׁנָה תּוֹרָה מִיט תְּהִלִּים, מַיין זֵיידֶע רֶבִּי אָשֵׁר יְחֶזְקֵאל זַ"ל הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דֶערְפוּן הָאט עֶר מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ גְרָאשְׁן, הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען דֶעם מַטְבֵּעַ אוּן גֶעוָואלְט גֶעבְּן פַאר צְדָקָה, הָאט מַיין זֵיידֶע זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם, זָאגְנְדִיג: "דָאס אַז דוּ גֶעבְּסְט דָאס פַאר צְדָקָה, אִיז בַּיי מִיר נָאךְ חָשׁוּבֶ'ער פוּן דֶעם אַז דוּ בִּיסְט אוֹיף גֶעוֶוען בַּיינַאכְט!".

המשך פון זייט 1



גְעוואלדְ!! (ווי אֵיינֶער וואס זָאגְט: רַבּוֹתַי וֶועקְט אַייךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף, עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט נָאר פוּן אִים, וָואס זֶענֶען אַייךְ אַזוֹי פַארְנַארְט אִין דִי עֲבוֹדָה זָרָה'ס) דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם זֶענֶען אִים נָאכְגֶעלָאפְן אַזוֹי וִוי מֶען לוֹיפְט נָאךְ אַ מְשׁוּגֶענֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶער אַבְרָהָם הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס, עֶר הָאט זִיךְ גֶע'טַעֲנֶה'ט מִיט זֵיי אוּן זֵיי גוּט אוֹיפְגֶעוִויזְן אַז זֵיי לֶעבְן אִין אַ וִויסְטְן טָעוּת, ווייל אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעקֶענְט אִין אַלֶע נַארִישֶׁע צוּדְרֵייטֶע סְבָרוֹת הָאט עֶר זֵיי אוֹיפְגֶעוִויזְן וִוי נַארִישׁ אוּן פּוּסְט זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת זֶענֶען.

אַזוֹי הָאט עֶר מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי רִיכְטִיגֶע הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, אוּן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זִיךְ אַבִּיסֶל פוּנֶעם אִינְגְוַוארְג - דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אַלְטֶע מֶענְטְשְׁן הָאט עֶר נִישְׁט מְקָרֵב גֶעוֶוען ווייל זֶענֶען שׁוֹין פַארְדְרֵייט מִיט זֵייעֶרֶע טָעוּתִים אוּן שְׁטוּתִים, אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זֵיי צוּ אוֹיפְוַוייזְן דֶעם אֱמֶת.

אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעשְׁרִיבְן טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים וָואס לֶערְנֶען אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר פוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְן דֶעם דֶּרֶךְ פַאר יִצְחָק אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וֶועלְכֶער הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים וָואס גֶעבְּן חִיזּוּק אוֹיף דִי אֱמוּנָה אִינֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן פוּן דָארְט אִיז עֶס אַרִיבֶּער צוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים פוּן אֱמוּנָה, אָן אַ צָאל סְפָרִים.. (חַיֵּי מוהר"ן)

מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט פוּן דֶעם בַּאוואוּסְטְן חָסִיד רַבִּי שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא זַצַ"ל וֶועגְן דִי אִידְן וָואס ווּאוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִויאַזוֹי דַארְף זֵיי בֶּעטְן בַּיי לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת וִוי ר' נָתָן בֶּעט זִיךְ צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז שׁוֹין זוֹכֶה צוּ זַיין דָארְטְן? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶען בֶּעט צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זָאל מֶען אִינְזִין הָאבְן צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי לִיכְטִיגְקֵייט אוּן דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז ר' אַבְרָהָם בַּ"ר נַחְמָן הָאט זִיךְ גֶעפִירְט פוּן מָאל צוּ מָאל, גֵייעֶנְדִיג אִין דִי גֶעסֶעלֶעךְ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פְלֶעגְט עֶר זָאגְן צוּ זִיךְ: "אַבְרָהָם, וואוּ גֵייסְטוּ?! אִיךְ גֵיי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! אַבְרָהָם וואוּ עֶסְטוּ?! אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אַבְרָהָם, וואוּ שְׁלָאפְסְטוּ?! אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט (תּוֹרָה קנ"ה) אַז יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל גְלוּסְטְן אוּן בֶּענְקֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אַז אַלֶע צַדִּיקִים זָאלְן הָאבְן גַּעְגּוּעִים צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר כַּעַס אוּן עַצְבוּת.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אֲפִילוּ הַיינְט וֶוען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז לַיידֶער אוּנְטֶער דִי הֶענְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן מֶען קֶען נִישְׁט מְגַלֶּה זַיין אִיר קְדוּשָּׁה, קֶען מֶען אָבֶער מַמְשִׁיךְ זַיין אִיר גֶעוואַלְדִיגֶע קְדוּשָּׁה מִיט דִי זְכוּת פוּן דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקֹב.. וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר" (תּוֹרָה נ"ה)

ר' נָתָן אִין תְּפִלָּה פ"ד בֶּעט זִיךְ בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן: "הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען וִוי גִיכֶער צוּם הֵיילִיג לַאנְד, דִי לַאנְד וָואס אוּנְזֶערֶע אָבוֹת הָאבְן גֶע'יַרְשְׁנְ'ט, דִי לַאנְד וָואס אַלֶע אֱמֶתְ'עֶ צַדִּיקִים הָאבְן גֶעבֶּענְקְט אוּן גֶעגְלוּסְט צוּ זַיין דָארְטְן, אוּן רוֹב הָאבְן טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דָארְט אוּן פַארְרַאכְטְן וָואס זֵיי הָאבְן גֶעדַארְפְט מְתַקֵּן זַיין".

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע אִידְן סַיי דִי וֶועלְכֶע וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אַלֶע וֶועלְכֶע בֶּענְקֶען אוּן וַוארְטְן צוּ קוּמֶען, זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע קְדֻשּׁוֹת וָואס מֶען קֶען דָארְט בַּאקוּמֶען, אֲרִיכַת אַפַּיִם, אֱמוּנָה שְׁלֵמָה בֶּאֱמֶת, מְבַטֵּל זַיין אִינְגַאנְצְן כַּעַס מִיט קְפִּידוֹת, זַיין אַ גֶעשִׁיקְטֶער אִין עֲבוֹדַת ה', דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט שִׂמְחָה אוּן חִיּוּת מִיט גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע הִתְלַהֲבוּת. אוּן בְּקָרוֹב זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַלֶע אִינַאֵיינֶעם אַנְטְקֶעגְן גֵיין מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, וִיקַבֵּץ נִדָּחֵינוּ מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ, אָמֵן.

# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע



**אַ גוּטְן דָוִד'ל**

**וָואס גֶעדֶענְקְסְטוּ פוּן דַיין יוּגְנְט, וֶוען דַיין טַאטֶע אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין?**

אִיךְ גֶעדֶענְקְט מִיר אַלְס גָאר קְלֵיין אִינְגְל, פִיר-פִינְף יָאר אַלְט, וֶוען מַיין טַאטֶע אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט רֶענְצְלֶעךְ פוּן אַן אוֹטָא, וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען, הָאט עֶר מִיר פַארְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַ קֵבֶר פוּן אַ צַדִּיק אִין אוּמַאן, אוּן דָארְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט צֶען גֶעמִישְׁטֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן וֶוער עֶס זָאגְט דִי קַאפִּיטְלֶעךְ בַּיי דֶעם קֵבֶר וֶועט דֶער צַדִּיק אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת!

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מְקַנֵּא גֶעוֶוען מַיין טַאטֶע פַאר דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָּה וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, בַּיי מִיר אִין הַארְץ הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט וֶוען אִיךְ וֶועל אוֹיךְ קֶענֶען פָארְן אַהִין אוּן בַּאקוּמֶען דֶעם תִּיקוּן.

**וֶוען בִּיסְטוּ לְמַעֲשֶׂה גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן?**

פַאר דִי זִיבְּן יָאר. אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אַז עֶס אִיז דֶעמָאלְטְס גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שְׁנֵיי אִין אוּמַאן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דָארְט אוֹיךְ מִיט מַיין קְלֶענֶערֶע בְּרוּדֶער. מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט, אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז אַן עֶלְטֶערֶער בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד. עֶר הָאט פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין בְּרוּדֶער גֶעגֶעבְּן אַ דָאלַאר, אוּן פַאר מַיין טַאטְן הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן אַ הוּנְדֶערְטֶער אִין הַאנְט!

עֶר הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט מִיט אַ גֶעשְׁטִיקְטֶע קוֹל פוּן גֶעוֵויין, אַז עֶר פְלֶעגְט נָאךְ קוּמֶען קַיין אוּמַאן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ אִין דִי צַייטְן פוּן דִי קָאמוּנִיסְטְן וֶוען אוּמַאן אִיז נָאךְ גֶעוֶוען פַארְמַאכְט.

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ יֶעצְט וִוי אִיךְ, אַלְס כִּמְעַט זִיבְּן יֶערִיג קִינְד, שְׁטֵיי פָארְנְט פוּן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, נָאךְ שַׁחֲרִית אוּן דֶער חָסִיד עֶפְנְט אוֹיף דִי קֶעמֶערְלֶעךְ פוּן זַיין מֹחַ אוּן עֶס גִיסְט זִיךְ אַרוֹיס טְרֶערְן פוּן גַּעְגוּעִים פוּן יֶענֶע שְׁוֶוערֶע יָארְן וָואס מֶען הָאט פוּן קַיין שׁוּם גַּשְׁמִיּוּת נִישְׁט גֶעוָואלְט וִויסְן נָאר פוּן אֵיין זַאךְ, וִוי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען זִיךְ אַרַיין בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוּן.

„מִיר הָאבְּן פַארְגָאסְן טְרֶערְן, גֶעמַאכְט נָאךְ תְּפִלּוֹת אוּן נָאךְ תְּפִלּוֹת אוּן גֶעבֶּענְקְט צוּ הֵיילִיגְן קְוואַל," הָאט עֶר אוּנְז גֶעשִׁילְדֶערְט זַיינֶע גֶעפִילְן. נָאךְ לַאנְגֶע יָארְן פוּן בֶּענְקְן אוּן הָאפְן, מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן טוּן פוּל הִשְׁתַּדְּלוּת וָואס הָאט אָפְּגֶעקָאסְט אַ גְרוֹיסֶע פַארְמֶעגְן מִיט גֶעלְט, הָאבּ אִיךְ מִיךְ עֶנְדְלִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי רִיזִיקָאלִישֶׁע נְסִיעָה. שְׁוֶוער צוּ שִׁילְדֶערְן מַיינֶע גֶעפִילְן וֶוען אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיפְן פְלִיגֶער. מַיין הַארְץ הָאט גֶעצַאפְּלְט פַאר שְׁרֶעק. וֶועלְן מִיר דִי קָאמוּנִיסְטְן אַיינְזֶעצְן אוּן תְּפִיסָה פַאר וֶוער וֵוייסְט ווִילַאנְג? וֶועל אִיךְ בִּכְלַל מַצְלִיחַ זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן? סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שְׁאֵלָה.

מִיט אַ שְׁוֶוער הַארְץ הָאבּ אִיךְ בַּאטְרַאכְטְן דִי אוּקְרַיינֶע עֶרְד וָואס אִיז אָנְגֶעזַאפְּט מִיט אִידִישׁ בְּלוּט. דִי קֶעי דְשִׁי בִּי הָאבְּן מִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶעוַוארְט מִיט אַ בְּרֵייטֶע קַבָּלַת פָּנִים אַלְס אַמֶערִיקַאנֶער טוּרִיסְט וָואס אִיז פָּשׁוּט גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן זֵייעֶר הֶערְלִיכֶע לַאנְד (וָואס הָאט מִיךְ אִינְטֶערְעסִירְט וִוי דֶער פַארַאיָארִיגֶע שְׁנֵיי). זֵיי הָאבְּן מִיר בַּאגְלֵייט אוּן נָאכְגֶעקוּקְט בַּיי יֶעדֶע רִיר. דִי גַאנְצֶע צַייט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט

עֵצוֹת און תַּחְבּוּלוֹת ווי אַזוֹי לויז צו וֶוערְן פון די קָאמוּנִיסְטִישֶׁע שְׁפִּיאָנֶען וָואס הָאבְּן מִיךְ נָאכְגֶעלָאקֶערְט.

יֶעדֶע עֵצָה וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפְּלַאנְט און אוֹיסְגֶע׳חֶשְׁבּוֹנ׳ט אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן. דִי טֶעג זֶענֶען גֶעלָאפְן און מַיין ווִיזֶע הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן בַּיים אָפְּלוֹיפְן. אִיךְ בִּין גֶעזֶעצְן אִין מַיין הָאטֶעל צִימֶער און פַארְגָאסְן טְרֶערְן. ׳נָאךְ אַבִּיסְל תְּפִלּוֹת און נָאךְ תְּפִלּוֹת,׳ הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען. ׳נָאךְ און נָאךְ תְּפִלּוֹת׳, הָאבּ אִיךְ אָן אוֹיפְהֶער זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעזָאגְט.

דִי לֶעצְטֶע פְּרוּאוו אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אִיז אוֹיךְ דוּרְכְגֶעפַאלְן און אִיךְ הָאבּ מִיט אַ שְׁוֶוערֶע הַארְץ גֶעמוּזְט פַארְלָאזְן אוּקְרַיינֶע. דֶעם רֶבִּי׳נְס צִיּוּן הָאבּ אִיךְ דֶעמָאלְטְס נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאזוּכְן. שְׁוֶוער צוּ שִׁילְדֶערְן מַיין בֶּענְקְשַׁאפְט און כִּסּוּפִין. אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיךְ הָאבּ ווִידֶער גֶעפְּרוּאוּוְט מַיין מַזָּל הָאבּ אִיךְ ב״ה זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע עֶרְד פוּן רֶבִּינ׳ס צִיּוּן און גֶעוֵויינְט און גֶעוֵויינְט און זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּארוּאִיגְן פוּן הִתְרַגְּשׁוּת.

״יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ זֶע קִינְדֶער זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי וֶוער אִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען״, הָאט עֶר אוּנְז גֶעזָאגְט מִיט אַ קוֹל גֶעשְׁטִיקְט פוּן טְרֶערְן פוּן פְרֵייד, ״אִיךְ הָאבּ נָאךְ גֶעבְּרֶענְגְט דָא מַיינֶע קִינְדֶער פַאר דִי זִיבְּן, אִין צַייטְן וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט אִידְן פָּארְן קַיין אוּמַאן!

יֶעצְט קוּק אִיךְ זִיךְ אַרוּם און אִיךְ שְׁטוֹין ווִי אַזוֹי מֶען כַאפְּט זִיךְ אַרוֹיף אוֹיפְן פְלִיגֶער און מֶען אִיז דָא!״

יָא, הָאט מַיין טַאטֶע אִים גֶעזָאגְט, ״עֶנְק הָאבְּן אוֹיסְגֶעטְרָאטְן אוּנְזֶער וֶועג דוּרךְ תְּפִלָּה און נָאךְ תְּפִלָּה און נָאךְ אַבִּיסְל תְּפִלָּה בִּיז עֶנְק הָאבְּן צוּבְּרָאכְן דֶעם אַייזֶערְנֶעם פוֹרְהַאנְג.״

**זֵייעֶר אִינְטֶערֶסַאנְט צוּ הֶערְן דָוִד׳ל, אִיךְ זֶע אַז אַ עֶס לִיגְט דִיר נָאךְ אִין דִי בֵּיינֶער, דֶער שְׁמוּעֶס פוּן דֶעם בְּרֶסְלֶב׳ער חָסִיד, עֶס אִיז זִיכֶער אַז זֵיי הָאבְּן גֶעעֶפֶנְט פַאר אוּנְז דֶעם וֶועג צוּם רֶבִּי׳ן.**

**וֶועלְכֶע בְּרֶסְלֶב׳ע סֵפֶר הָאסְטוּ דָאס עֶרְשְׁטֶע גֶעלֶערְנְט?**

מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ, און תּוֹרָה רפ״ב וָואס הָאט מִיר זֵייעֶר בַּאנוּמֶען.

**וֶוען בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן אַזַא פַייעֶרְדִיגֶער בְּרֶסְלֶב׳ער בָּחוּר?**

אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה, הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אִין נִישְׁט אַ בְּרֶסְלֶב׳ער יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ חָבֵר וָואס אִיז אַדוּרךְ שְׁוֶועריגְקֵייטְן און עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ לִקּוּטֵי מוהר״ן פוּן אַ בְּרֶסְלֶב׳ער בָּחוּר וָואס הָאט דָאס אִים גֶעגֶעבְּן עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין און דֶערְהַאלְטְן. שְׁפֶּעטֶער וֶוען דָאס שְׁוֶועריקַייט אִיז אַרִיבֶּער, הָאט עֶר עֶס מִיר גֶערְן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּ דֶעם צוּגֶעכַאפְּט. אַזוֹי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ חַבְרוּתָא אַ בְּרֶסְלֶב׳ער בָּחוּר וָואס הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁלֶעפְּן צוּ דִי חֲבוּרוֹת פוּן דִי בְּרֶסְלֶב׳ע בָּחוּרִים פוּן דִי יְשִׁיבָה וואו אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט.

מִיר פְלֶעגְן פָּארְן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אַזוֹי אוֹיךְ פְּלֶעגְן דִי בְּרֶסְלֶב׳ע בָּחוּרִים פַארְבְּלַייבְּן אִין יְשִׁיבָה לֶענְגֶער בַּיי סְפִירָה צֵיילְן מַאכְנְדִיג קוֹלוֹת, און שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט גֶעוָוארְן אַסַאךְ בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה וָואס הָאבְּן צוּגֶעגֶעבְּן צוּ דִי גֶעשְׁרֵייעֶן!

**אַ וָוארְט פַאר דִי בְּרֶסְלֶב׳ער אִינְגְלֶעך?**

אַ בְּרֶסְלֶב׳ער אִינְגְל דַארְף זַיין שְׁטַארְק ״אֶחָד הָיָ׳ אַבְרָהָם״, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם וָואס ווִיל דִיר דֶערְוַוייטֶערְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער! מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶב׳ער חָסִיד, מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן, מֶען דַארְף זִיךְ גְרוֹיס הַאלְטְן מִיט דֶעם, עֶס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְכִיָּה!

# א שמועס מיט'ן זיידן




**זיידע:** הֶערְסְטוּ יַענְקֶעלֶע?
דוּ דַארְפְסְט זַיין ׳פְרֵיילִיךְ׳ וַוייל דוּ בִּיסְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! אוּן מִיט דֶעם קֶענְסְטוּ הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן פָּנִים! נוּ, דוּ דַארְפְסְט זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ זָאלְסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ!

**אִיךְ וִויל דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער זַיין שְׁוֶוער, ר׳ אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשְׁער ז"ל.**

״דֶער שְׁוֶוער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן. וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אַרַיין, הָאט עֶר גֶעמַאכְט דִי שְׁטוּבּ פְרֵיילִיךְ כָאטְשׁ עֶר הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן פוּן גְרוֹיס אָרִימְקַייט נָאר עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי שְׁטוּבּ פְרֵיילִיךְ, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז גֶעוָוארְן שִׂמְחָה׳דִיג וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען!
עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ טַאנְץ אוּן אַ שְׁפְּרוּנְג אוּן אַ גֶעלֶעכְטֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד!
הָאט עֶר מְשַׂמֵּחַ גֶעוֶוען דִי שְׁטוּבּ, אַלֶע קִינְדֶער הָאט עֶר מְשַׂמֵּחַ גֶעוֶוען!״

**יענקעלע:** יָא זֵיידִי אִיךְ גֵיי פוּן הַיינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין גָאר פְרֵיילִיךְ וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ זָאל קֶענֶען אַרוֹיפְצִיעֶן אַן אֱמֶת׳ן שְׁמֵייכְל אוֹיף מַיין פָּנִים אוּן דֶערְפְרֵייעֶן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן גֶעשְׁוִויסְטֶער!

זֵיידֶע: ר׳ לֵוִי יִצְחָק דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער.
״ר׳ מִיכַל זְלָאטְשׁוּבֶער הָאט גֶעהַאט אַ זוּן ר׳ וֶועלְוְול זְבַּארִיזְשֶׁער, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אֵיינְמָאל וֶוען זַיין רֶעבֶּעצִין אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם יַם וַואשְׁן דִי וֶועשׁ, הָאט אַ דוּרְכְגֵייעֶר אַ זָאג גֶעגֶעבְּן: ״אוֹי דָאס אִיז דָאךְ דִי זְבַּארִיזְשֶׁער רֶעבֶּעצִין! הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:
**״בֶּעסֶער צוּ זַיין אַ וַואשֶׁערִין דָא, וִוי אֵיידֶער אַ רֶעבֶּעצִין אִין חוּץ לָאָרֶץ!״**

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ אוּן זַיין אַ פָּשׁוּטֶ׳ער אִיד אַבִּי זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

דִי שֶׁפַע פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט קוּמְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! כָּל הָעוֹלָם נִזּוֹן מִתַּמְצִית שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שׁוֹתָה תְּחִלָּה, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶוערְט גֶעשְׁפַּייזְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַמֶעריקֶע וֶוערְט אוֹיךְ גֶעשְׁפַּייזְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! סְתָּם אַזוֹי קוּקְט דָאךְ אוֹיס אַז דִי גַאנְצֶע הַשְׁפָּעָה אִיז הַיינְט אִין אַמֶעריקֶע, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַמֶעריקֶע וֶוערְט גֶעשְׁפַּייזְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן זֵיי שִׁיקְן צוּרִיק דָאס גֶעלְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! (לְפִי טַעַם זְקֵנִים פָּרָשַׁת לך לך תשל"ה)



לאמיר זיך פאר הערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די צענטע מעשה (3)
## דער בערגיר מיטן ארעמאן

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל**

**רופט, 02-5-3333-72**

**646-518-1095 1-518-329-9149**

**צו הערן די געווינער דרוק נומער 4**

**א. צו וואו איז דער זון פון בערגיר אונגעקומען נאכן גיין אויפן ים?**
- ☐ צו א מדבר
- ☐ צו א ישוב
- ☐ צו א גרויסע מדינה

**ב. וויפיל צייט האט ער געטראכט דארט צו בלייבן?**
- ☐ אפאר יאר
- ☐ ווי לאנג ער לעבט
- ☐ ביז דער קעניג וועט אים זוכן

**ג. האט דער קיסר געוואוסט די אמת אויב דער זון פון בערגיר לעבט?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ ער איז געווען מסופק

**ד. וועלכע שידוכים האט מען אנגעהויבן רעדן פאר די טאכטער פון קיסר?**
- ☐ מיט קעניגן
- ☐ חשובע הערן
- ☐ גרויסע עשירים

**ה. וואו איז די טאכטער פון קיסר געזיצן מיט איר חבר'טעס?**
- ☐ אין א קעניגיגליכן פאלאץ וואס מ'האט איר געבויט
- ☐ אין איר מאמע'ס הויז
- ☐ אין א חצר וואס איר טאטע האט פאר איר געמאכט

**ו. וואס האט די טאכטער פון קיסר דארט געטאן?**
- ☐ געמאלעוועט בילדער
- ☐ געזונגען
- ☐ געשפילט אויף כלי שיר

**ז. וואס האט זי געענטפערט אויף אלע שידוכים וואס מ'האט איר פאר געלייגט?**
- ☐ איך וועל זיך איבער טראכטן
- ☐ איך וועל פרעגן דער קיסר
- ☐ אבער די זיבן וואסערן זענען דיר ניט איבער געגאנגען

**ח. ווער האט פארשטאנען וואס דאס מיינט?**
- ☐ אלע קעניגן
- ☐ נאר איין קעניג
- ☐ קיינער האט נישט פארשטאנען

**ט. וואס האט דער זון פון בערגיר געטאן אין מדבר?**
- ☐ ער האט זיך געמאכט א ארט (פלאץ) דארט צו זיצן
- ☐ ער האט זיך געמאכט כלי שיר
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואו האט ער באהאלטן די כתב וואס ער האט באקומען פון די טאכטער פון קסר?**
- ☐ אין א בוים
- ☐ אין א הייל
- ☐ אין א גרוב אין דער ערד

**יא. פארוואס האט ער מייחש געווען אז ער מוז אוועק גיין פון די מדבר?**
- ☐ ווייל ער האט נישט געהאט וואס צו עסן
- ☐ ווייל די בוימער זענען געווארן אויסגעמישט, האט ער שוין נישט קיין שאטן
- ☐ ווייל ער וועט משוגע ווערן פון צער אז ער האט נישט די כתב

**יב. צו וואו איז ער נאכדעם אונגעקומען?**
- ☐ צו א וואוסטער מדבר
- ☐ צו א גרויסע מדינה
- ☐ צו א ישוב

**יג. וועלכע סימנים האט ער איבערגעגעבן פאר דער קעניג פון יענע לאנד**
- ☐ די זיבן וואסערן
- ☐ די כתב וואס ער האט באקומען פון די בת קיסר
- ☐ די סימן אין וועלכע בוים ער האט באהלטן די כתב

**יד. וואס האט דער קעניג געטאן פארן זון פון בערגיר?**
- ☐ ער האט אים פארשיקט הונדערט מייל
- ☐ ער האט אים פארשיקט צוויי הונדערט מייל
- ☐ ער האט אים געמאכט פאר א יעדניראל

**טו. וואס האט דער זון פון בערגיר נאכדעם געטאן?**
- ☐ ער האט איבער געגעבן די סימנים פאר א אנדער קעניג און האט צו געלייגט נאך א סימן
- ☐ ער איז אליין געגאנגען צו די טאכטער פון קיסר
- ☐ ער איז צוריק געגאנגען אין מדבר

**טז. וואס לערנסטו זיך דערוויילט ארויס פון די מעשה?**
- ☐ די נאמנות פון די טאכטער פון קיסר צו דער בן בערגיר
- ☐ די יאוש פון דער בן בערגיר
- ☐ ________________________.

**די וַואסֶערְן זֶענֶען אָבֶער אִיבֶּער דִיר נִיט אַרִיבֶּער גֶיגַאנְגֶען - מיט אסאך הצלחה!!!**